# גליקמאַן, רעניאַ (רבקה)

[געב. 10 אויגוסט 1912 — געשט. 2 סעפּט. 1961]



געבוירן 10 אויגוסט 1912 אין ביאַליסטאָק, פּוילן. פאָטער, אַ סוחר, פאַרפאַלן געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און די מוטער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אייגנטימער פון אַ מעבל־טישלעריי.

געענדיקט די יידישע וועלטלעכע שול ביים „יוגנט פאַריין", וווּ האָט זיך געלערנט טאַנצן ביי דער שוועסטער פון שרייבער יעקב פּאַט און פלעגט זיך באַטייליקן אין די שול־פאָרשטעלונגען. בעת די „ווילנער טרופּע" האָט דאָרט גאַסטראָלירט מיט צייטלינס „יידן־שטאָט", איז זי אויפגעטראָטן אין די טענץ און פלעגט אויך באַקומען צו שפּילן עפּיזאָדן־ראָלן. ג. טרעט אַריין אין רעווי־טעאַטער „גילאָרינאַ" מיט וועלכן זי מאַכט אויך מיט אַ טורנעע און דערנאָך, א״פּ ריטאַ גליק, פאָרט זי אַרום מיטן קליינקונסט־טעאַטער „אַזאַזעל".

1929־30 מאַכט זי דורך אַ טורנעע מיט זלמן קאָלעשניקאָוו אַרום ביאַליסטאָק און אין 1930 ווערן ביידע אַנגאַזשירט קיין ראָוונע. זי ווערט די פּאַרטנערשע פון בן ציון וויטלער־טורנעע, דערנאָך גייט זי איבער אין דער חברים־טרופּע פון בערל האַרט און אין אַנדערע טרופּעס צוזאַמען מיט איר מאַן, זלמן קאָלעשניקאָוו, וועלכער אָרגאַניזירט און פירט אָן פון 1933 ביז 1936 די „ביאַליסטאָקער טרופּע", ווו זי ווערט די ערשטע ראָליסטין אין דעם געמישטן רעפּערטואַר (דראַמע, מוזיקאַלישע קאָמעדיע, יידיש־היסטאָרישע און אייראָפּעאישע אָפּערעטן). אירע בעסטע ראָלן זיינען: „עטי" אין „קרייצער סאָנאַטאַ", „כאַסיע" אין „כאַסיע די יתומה", „צייטל" אין „טוביה דער מילכיקער", „ביילקע" אין „צוויי הונדערט טויזנט", „פאַניטשקע" אין מאַרקאָוויטשעס מעלאָדראַמע „צוויי חברים", „דבורה" אין „די רומענישע חתונה", „מאַשקאַ" אין „וואָלגאַ מיידל" ווי אויך כאַראַקטער־ראָלן: „קליינע קינדער" אין „ערלעכע גנבים" און „די אַלטע מאַדאַם שענדער" אין „דאָס ראָד פון לעבן".

1936־39 ווערט די טרופּע רעאָרגאַניזירט, און, צוזאַמען מיט איר מאַן, פאָרט זי אַרום ביזן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַלס די סטאַרס אין טעאַטער־קאָלעקטיוון, אָרגאַניזירט פון יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן.

נאָכן געבורט פון איר זון (21 דעצעמבער 1939) בלייבט זי אין ביאַליסטאָק כדי צו האָבן די מעגלעכקייט אים צו דערציען, און טרעט אַרויס אויף פאַרשיידענע אונטערנעמונגען מיט געזאַנג און רעציטאַציעס. נאָכן אויסבראָך פון דער סאָוויעטיש־נאַצישער מלחמה ווערט זי אין 1941 אַקטיוו אין אַ קאָנצערט־בריגאַדע. ג. באַוויזט צו אַנטלויפן פון די נאַציס און ווערט עוואַקוירט אין טיף רוסלאַנד, ווו זי שפּילט מיט אַ צונויפגעשטעלטער טרופּע פון פּויליש־יידישע אַקטיאָרן (דערונטער אידאַ קאַמינסקאַ און שמחה נאַטאַן). 1945 קערט זי זיך צוריק קיין פּוילן ווו זי טרעפט זיך ווידער מיט איר מאַן, וועלכער איז דער אָנפירער פון נידערשלעזישן יידישן טעאַטער. זי טרעט אַריין אין דער טרופּע און באַטייליקט זיך אין אַלע פאָרשטעלונגען. 1949 פאָרט זי אַריבער פון רייכענבאַך (דזשערזשאַנאָוו) קיין לאָדזש אין יידישן מלוכה־טעאַטער אונטער דער לייטונג פון אידאַ קאַמינסקאַ, ווו זי באַטייליקט זיך אין די פּיעסן „אייך רופט טאַמיר" און „מיין זון". צוזאַמען מיט איר מאַן און זון פאַרלאָזט זי 1950 פּוילן און זיי נעמען שפּילן אין פּאַריז, בעלגיע און לאָנדאָן, (2 סעזאָנען). דאָ האָט זי אַ געלעגנהייט אויפצוטרעטן אין הויפּט־ראָלן אין פּיעסן, וועלכע איר מאַן שרייבט פאַר איר, ווי „ווי קאָן איך פאַרגעסן?", „אַ מיידל פון דער היים", „די מוזינקע אויסגעגעבן", „אַ גליקלעכער טאָג" און אין דעם קלאַסיש־יידישן רעפּערטואַר פון שלום־עליכם, גאָרדין, אַנסקי, פּרץ און גאָלדפאַדן.

אין סאַמע אויפשטייג פון איר טאַלענט הייבן זיך ביי איר אָן צו פילן די שוידערלעכע רעזולטאַטן פון די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן און נאָך אַ דערפאָלגרייכן טורנעע איבער דענעמאַרק, שוועדן, פינלאַנד, נאָרוועגן, האָלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך, קערט זי זיך צוריק אין 1958 אין פּאַריז, ווו זי קריגט אַ שטאַרקן האַרץ־אָנגריף. די קראַנקייט לאָזט איר מער ניט אָפּ: שפּיטאָלן, סאַנאַטאָריומס. זי באַוויזט נאָך צו פאָרן קיין מדינת ישראל צו איר מוטער און פאַמיליע. אויך דאָרט מוז זי אַריין אין שפּיטאָל, קומט צוריק אין פּאַריז, ווו זי שטאַרבט דעם 28 סעפּטעמבער 1961.

**איר מאַן זלמן קאָלעשניקאָוו באַמערקט:**

„ווי שטאַרק זי האָט ליב געהאַט איר טעאַטראַלע פּראָפעסיע איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ביי די שווערסטע האַרץ־אָנפאַלן, איז אַזוי ווי זי איז נאָר צוריקגעקומען צום באַוווסטזיין, פלעגט איר ערשטע פראַגע שטענדיק זיין צום דאָקטער צי זי וועט נאָך קאָנען שפּילן טעאַטער. זי האָט זיך באַצויגן צום טעאַטער ווי צו אַ הייליקטום מיט גרויס ערנסט און האָט אַפילו ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן כאַראַקטער פון רעפּערטואַר.

יעדע ראָל האָט זי געלערנט מיטן זעלבן ערנסט און זי פלעגט פּראָטעסטירן אויב מען האָט וואָס עס איז גרינג, געשעצט אין טעאַטער".

**וועגן איר שפּילן אין „די רומענישע חתונה" אין לאָנדאָן, ווערט געזאָגט אין „די יידישע שטימע":**

„די בינע־ברעטלעך האָבן אין „דער רומענישע חתונה" געברענט אונטער די פיס פון רעניאַ גליקמאַן. זי האָט געשפּרודלט מיט לעבן און טעמפּעראַמענט".

**י. א. ליסקי שרייבט:**

„...מיר דערמאָנען דאָס יידישע לאָנדאָן, איז אָנצוווייזן אויף די וויכטיקע שוישפּילער, וואָס גאַסטראָלירן איצט דאָ, אין גרענדפּאַליי, און וועמען מיר ווידמען די דאָזיקע שורות. זלמן קאָלעשניקאָוו און רענע גליקמאַן. דאָס זיינען טעאַטער־קינסטלער, וואָס פאַרדינען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, ווייל זיי געהערן צו יענע כאַראַקטער־שוישפּילער, וואָס האָבן פאַרפעסטיקט די גרויסע טראַדיציע פון דער יידישער טעאַטער־קונסט. ס׳איז גוט וואָס רענע גליקמאַן קאָן איר טאַלענט אָנשפּאָרן אָן אַזאַ דערפאַרענעם שוישפּילער און רעזשיסער ווי דאָס איז איר מאַן זלמן קאָלעשניקאָוו. רענע גליקמאַן איז אַ קינסטלערין מיט אַ זעלטענעם טאַלענט. זי האָט אין זיך די דראַמאַטישע פעיקייטן פון אַ לודוויג זאַץ. רענע גליקמאַן קאָן דערהייבן אַ דראַמאַטישע ראָל ביז צו דער העכסטער נאָטע און איינהאַלטן דעם אָטעם פון טויזנטער צושויער, וואָס מוזן אַ ציטער טאָן גלייך מיט איר ווען די שפּילט איר ראָל.

רענע גליקמאַן האָט דורכגעמאַכט די שווערע און ביטערע צייט וואָס די יידן האָבן מיטגעמאַכט אויף זייער טראַגישן וועג פון דעם דריטן חורבן, חורבן פּוילן. זי האָט יונגערהייט איינגעזאַפּט אין זיך

די גרויסע יידישע דראַמע, און די באַזונדערע דראַמעס און טראַגעדיעס פון יעדן ייד, פון דער יידישער פרוי און פון דעם יידישן קינד. דערפאַר איז איר טאַלענט אַזוי טיף, דערפאַר האָט זי אַזאַ גרויסע צוקונפט. זי וועט שאַפן נייעם יידישן טעאַטער־סטיל".

**שלמה האַלטער כאַראַקטעריזירט זי אַזוי:**

„רעניע איז דעמאָלט (זומער 1947 אין נידערשלעזיע) געווען ווייצנד, יונג, פול מיט אַקטיאָרישער ווערווע. זי איז געווען אויף דער סצענע אַ לעבעדיקער ווּלקאַן, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו גיסן מיט „הייסע לאַווע" אויף די צוהערער, וועלכע זיינען ניט מיד געוואָרן צו פאַרלאַנגען נאָך און נאָך און זי איז ניט מיד געוואָרן זיי צו דערלאַנגען נאָך פון שענסטן און בעסטן פון אַ יידישן רעווי־רעפערטואַר און אַזוי איז זי געבליבן אין מיין זכרון. אַפילו אין די לעצטע עטלעכע יאָר, ווען זי איז שוין געווען קראַנק און פיזיש פאַרענדערט ניט צום דערקענען, האָב איך אויף איר נאָך געקוקט מיט יענע אויגן וועלכע האָבן איינגעזאַפט דעם ערשטן איינדרוק פון איר אויפטריט.

ווען זי איז קראַנק געוואָרן מיט דריי יאָר צוריק, איז זי געקומען קיין ברינוא, ווו זי האָט געזוכט רו און פאַרבעסערונג פאַר איר געזונט. מיר האָבן זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז איר קרענק איז אַ פועל־יוצא פון די יאָרן פון נע־ונד, פון ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן, זיין אין שטענדיקן אומרו און זאָרג פאַר איר קינד. זי האָט שוין דעמאָלט, מיט דריי יאָר צוריק, געהאַט קריזיסן ווען מען האָט געמיינט „שוין", אַז עס איז נאָך איר. אָבער איר שטאַרקער ווילן צו לעבן איז געווען אין לשער. גלייך ווי איר איז בעסער געוואָרן, האָט זי גלייך אָנגעהויבן שפּאַסן, לאַכן, זינגען כדי די אַרומיקע זאָלן ניט זיין אַזוי אומעטיק. שפּעטער, ווען עס איז איר אַ ביסל בעסער געוואָרן, איז זי געפאָרן קיין ישראל, ווו זי האָט איר גאַנצע משפחה: די מאַמע, שוועסטער, ברידער און נאָנטע. דאָרט איז זי אויך געווען אַ ביסל צייט אין שפּיטאָל און איז צוריקגעקומען אין פאַריז אין אַ בעסערן צושטאַנד ווי זי איז אַוועקגעפאָרן. זי האָט דאַן דערציילט ווי גוט מען האָט איר באַהאַנדלט אין שפּיטאָל אין ישראל, מיט וואָס פאַרע איבערגעבנהייט די דאָקטוירים, די קראַנקן־שוועסטערס און אַפילו די אָנגעשטעלטע אין שפּיטאָל האָבן זיך צו איר, ווי איבערהויפּט צו אַלע קראַנקע, באַצויגן. קיין שום פאַרגלייך מיט די שפּיטעלער ערגעץ אַנדערשוו.

דעם לעצטן זומער איז זי ווידער געקומען קיין ברינוא און ווידער האָט זי אַרויסגעוויזן איר וווּנדערבאַר שטאַרקן ווילן צו לעבן. זי האָט ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן דער קראַנקייט, וועלכע האָט פון איר אָרגאַניזם געריסן שטיקער. יעדעס מאָל, ווען עס איז איר באַפאַלן די שוואַכקייט, האָט זי זיך באַהאַלטן אין שטוב מען זאָל זי אין דעם צושטאַנד ניט זען; ניט געוואָלט קיינעם פון די באַקאַנטע אָנטאָן קיין עגמת נפש ... גלייך ווי זי האָט זיך דערפילט בעסער, איז זי אַרויס אַ לאַכנדיקע, אַ פריילעכע אויף דער לופט, געשפּאַסט, דערציילט וויצן און זיך און אַנדערע פריילעך געמאַכט. ... דעם צווייטן טאָג סוכות האָבן זיך צוזאַמענגענומען עטלעכע שרייבער מיט זייערע פרויען, וועלכע האָבן זיך אויף יום טוב געפונען אין ברינוא, צוזאַמען מיט אירע שכנים ... און צוגעגרייט אַ קאָלעקטיווע יום־טוב סעודה, וויסנדיק, אַז דאָס וועט רעניען פאַרשאַפן אַ סך פרייד. זי האָט געהאָלפן צוגרייטן דעם מיטאָג ... און באמת האָט זי דעם טאָג געשיינט, געווען פריילעך, געשפּאַסט, געזונגען און מיר אַלע האָבן געהאָפט אַז דער טאָג וועט זיין אַן איבערברוך אין איר קראַנקייט און זי וועט נאָך ווידער אויפטרעטן אויף דער בינע, ווידער כישופן מיט איר טאַלענט און ברענגען מיט זיך פרייד פאַר די ליבהאָבער פון אַ גוט יידיש טעאַטער. ...צוויי טעג שפּעטער איז זי שוין ניט געווען. ...ניטאָ מער די קלוגע, איידעלע, אַזוי טאַלענטירטע און פול מיט לעבנס־פרייד אַקטריסע רעניאַ גליקמאַן".

ש. ע. פון זלמן קאַלעשניקאָוו.

י. א. ליסקי — פאָרם און סטיל, „לשון און לעבן", לאָנדאָן, נ׳ 11, 1952.

שלמה האַלטער —— וועגן רעניע גליקמאַן ע״ה, „ביאַליסטאָקער וועגן",

## צוקערמאַן, מינדל
## [שנאַפּ]



**ווי יצחק ליבערסקאָ גיט איבער, איז זי געבוירן אין בוקאַרעסט, רומעניע. דער פאָטער האָט געהייסן אהרן שנאַפּ, געבוירן אין רימעלעוו, גאַליציע, און געקאָנט לערנען. איציקל גאָלדענבורג גיט איבער, אַז ער איז געווען אַ גרויסער למדן און סוחר.**

**צ. איז אָן ספק געווען פון די ערשטע אַקטריסעס אויף דער יידישער בינע. צי איז טאַקע געווען די סאַמע ערשטע יידישע אַקטריסע איז ניטאָ קיין זיכערקייט.**

**דער געשיכטע־שרייבער פון יידישן טעאַטער, ב. גאָרין, שרייבט:**

„אין דער צייט (ווען יוסף לאַטיינער האָט געמאַכט זיין פיעסע „שמואל שמעלקעס", וואָס אויף דער טעמע האָט גאָלדפאַדן שפּעטער פאַרפאַסט „די צוויי קוני לעמעלס"), האָט גאָלדפאַדן דערוויזן צו קריגן אַ פרוי פאַר דער בינע אין בוקאַרעסט. ווי שוין געזאָגט, האָבן די ערשטע צייט מאַנסבילן געשפּילט פרויען־ראָלן, ווייל יידישע מיידלעך און ווייבלעך האָבן מורא געהאַט איינצושטעלן זייער רעפּוטאַציע. דער טעאַטער האָט קיין גוטן נאָמען ניט געהאַט. די באַזוכער זיינען געווען דער גרעבסטער עלעמענט. די מייסטע אַקטיאָרן האָבן זיך אויפגעפירט ווי הפקר־יונגען, און פאַר אַ מיידל אָדער אַ ווייבל אַרויפצוגיין אויף דער דעמאָלטיקער יידישער בינע, איז געווען ניט בעסער ווי צו גיין אין אַ שענק צווישן שלעכטער קאָמפּאַניע. נאָר דער דראַנג (צו דער בינע) איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אַפילו בייגעקומען די איינגעבוירענע צניעות פון דער יידישער פרוי. עס איז נאָר געווען שווער, אַז די ערשטע פרוי זאָל זיך ווייזן אויף דער בינע און באַלד נאָכדעם האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פרויען פון אַלע זייטן".

**און גאָרין גיט איבער, אַז מאָגולעסקאָ פאַרצייכנט אין זיינע זכרונות, אַז די ערשטע יידישע אַקטריסע איז געווען ראָזע פרידמאַן. גאָלדפאַדן אין זיינע זכרונות רעדט וועגן איינע גאָלדיצע. דער אַלגעמיינער איינדרוק פון מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אין יענער צייט איז, אַז די ערשטע יידישע אַקטריסע איז געווען שרה, שפּעטער באַקאַנט ווי סאָפיע קאַרפּ.**

לייזער צוקערמאַן האַלט, אַז (זיין שפּעטערדיקע פרוי) מינדל און גאָלדיצע זיינען געווען די ערשטע אַקטריסעס און שוין ביי דער אויפפירונג פון „שמענדעריק" האָבן זיי זיך באַוויזן אויף דער בינע.

ב. גאָרין גיט אויך איבער, אַז צ. האָט געגעבן גאָלדפאַדענען די מעלאָדיע צום ליד „פאַסטוכל" אין „שולמית". זי האָט עס גענומען פון אַ טערקיש ליד. ווען די יידישע אַקטיאָרן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט וואַנדערן קיין דייטשלאַנד, איז אין דער טרופּע אויך געווען